Radomer- № 31 (271) „Nal. poczt. uiszczone ryczałtem" 10 זײַטן VI-ער יאָהרגאַנג ב״נט

Radom Pi…ek 9 Sierpnia 1929

ראַדאָם, פרײטאָג ג' מנחם אב תרפ״ט.

פרײַז 25 גראָשען.

# ראַדאָמער-קעלצער לעבען

Redakcja i Admistracja

Radom, Szwarlikowska 20.

*Oddział w Kielcach.*

Do Biblo Jagiello

אַנאָנסען פרײַזן:

אײן מיליםעטער שורה: פאַר'ן טעקסט 40 גר.
„ „ „ אין „ 60 „
„ „ „ נאָכ'ן „ 35 „
די ערשטע און לעצטע זײט גערעכנט 8 שפּאַלטן
אין טעקסט 4 „

## PODZIĘKOWANIE.

Składam serdeczne podziękowanie Panu Doktorowi J. GOLDBLUMOWI praktykującemu w Garbatce za kompletne wyleczenie brata mego z ciężkiej choroby.

*S. Kajler*
Magister Farmacji.

שמשון רובין רײזעל רײזמאַן
ראַדאָם קאָזשעניץ

## תנאים געשריבען

ראַדאָם. ליפּיעץ 1929.

אונזערע הארציגסטע ברכות
דעם חבר שמשון רובין
צו די תנאים מיט פרל' רײזעל רײזמאַן
זאָל גליק און צופרידענהײט שטענדיג עגזיסטירען
אין אײער לעבען.

װינשען חברים:

ה. ראָזענשטײן, ש. האכגלאָבער,
ח. קאַרפּענקאָפּ, י. אלטמאַן.
מ. פינקעלשטין, י. קירשענבוים,
י. אפּעלבוים, מ. קלײנמאַן.

*Powszechny Bank Spółdzielczy*
Spółdz. z ogr. odp.
w Radomiu, Lubelska 27.
TELEFON № 502.

## די באַנק פּאָװשעכני ראַדאָם

לובלינער 27, האָט דעם כבוד בעקאַנט צו מאַכען, אַז צוליב'ן דערהאַלטען אַ גרעסערע געלד-סומע פון דער צענטראַלער באַנק אין לעמבערג, זענען מיר אימשטאַנד צו ערטײלען אונזערע מיטגלידער הלוואות, טראַנסען אויף אינקאַסעס און אויף דיסקאָנטא.

גלײכצײטיג װערט בעקאַנט געמאַכט, אַז עס װערט אָנגענומען אָבשפּאָרונג'ס-װקלאַדען פון די קלענסטע סומען אָן לויט די העכסטע פּערפּראָצענטירונג און אויף זעהר גוטע בעדינגונגען.

**בעמערקונג:** אונזער אינקאַסע - אָבטײלונג איז געװאָרען רעאָרגאַניזירט און מיר זענען אין דער מעגליכקײט, אָנהײבענדיג פון דעם 1-ען שערפּיען 1929, אָנצונעמען אינקאַסעס פון אָרטיגע װעקסלען צום פרײַז 20 גר. פון שטיק.

װעקסלען פון פאָלגענדע שטעדט:
שידלאָװיעץ, קאָזשעניץ, אילזשאַ, זװאָלין, פשיטיק
צום פרײַז 1 זל. פון שטיק.

װעקסלען אויף ערטער, װאו ס'געפינט זיך אָבטײלונגען פון „באַנק-פּאָלסקי":
צום פרײַז 1.50 פון שטיק.

אויף די ערטער, װאו מיר האָבען אונזערע קאָרעספּאָנדענטען, רעכנען מיר צו קאָנקורענץ-פּרײזען. און אויף אַנדערע ערטער — גענוי לויט די פּאָסט - פּרײזען.

די אינקאַסעס װערן אויסגעצאָלט דעם זעלבען טאָג פון אײַנפליסען.

אונזער טיעפען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס
ה' יונה גאָלדבערג
צוליב'ן פריהצײַטיגען טױדט פון זײַן אײַדעלער פרוי
## שפרינצע נ. ע.
אדװאָקאַט ז. ראַקאָטש און פרוי.

## GARBARNIA

Spółka z ogran. odpow.

## „CHROM" — w — Radomiu

przyjmuje do przerobu skóry bydlęce (bukaty) cielęce, końskie i kozie na chrom czarny i kolorowy

**Wyrób pierwszorzędny. Warunki przystępne.**

**powszechnie znany ze swej dobroci**

## גאַרבערײ-געזעלשאַפט

מיט בעגר. האַפטונג „חראָם" — אין — ראַדאָם

נעמט-אָן צום אויסארבײטען

רינד-פעל (בוקאַטען), קאַלבס-פעל,
פערד און קאָזע-פעל
אויף שװאַרצען און קאָליערטען כראָם

פּרעפעקלאַסיגע אויסאַרבײטונג. צוגענגליכע בעדינגונגען.

די פירמע „חראָם" איז איבעראַל בעקאַנט מיט דער גוטער קװאַליטעט פון איהר אויסאַרבײטונג.

ערום 10 איינער ברענגען 100 זל. צום טעלעגראפען-סלופ אויפ'ן באהנטאר און עס דערלאנגען דעם דארטהאַ״טענדיגען באנדיט. אין פאל ווען ער וועט דאס נישט טוהן, האט ער געדראהט מיט טויט. דער איבערגעשראקענער קאנציערטשיק האט וועגען דער אנפאל נישט געמעלדעט דער פאליציי און פינקטליך צו דער אנגעווייזענער צייט און אויפ'ן אנגעוויזענעם ארט איז ער געגאנגען איבערגעבען די 100 זל. די באנדיטען. ער האט אבער שוין דאן קיינעם פון זיי נישט געטראפען, ווייל בינו לבני האט די פאליציי אבגעשטאט ביי זיי א „וויזיט“ און זיי פערבעטען „צו-גאסט“ אין חד-גדיא.

## ווי אזוי ס'זעהט אויס די היי-יעהריגע בוסק-אקציע ביי „עזרה“ אין ראדאם.

היי-יאהר האט „עזרת“ א גרויסע צאהל רעפלעקטאנטען אויף צו פאהרען קיין בוסק.

די טעכנישע פארבערייטונגען מצד דער „עזרה“ זענען געמאכט געווארען און צוגעפיהרט אין דער בעסטער ארדנונג; דירות זענען געווארען גערינגען אין איינע פון די שענסטע ווילעס אין בוטק. די ראקטוירישע קאמיסיע האט שוין בעטראכט א טייל קראנקע א. ד. גל.

די פינאנסיעלע זייט איז אבער ווייט פון זיין צופרידענשטעלענד. קודם כל איז עס אפשר די שולד פון די פעדוו. מיטגלידער גופא. דער קריזיס אין ראדאם איז גרויס. דעריבער ווילען איינמאך די מיטגלידער זיך נישט אנגאזשירען אין דער געלד-זאמלונג, אבער דאס איז נישט אויפ'ן ארט. דער פליכט פון יעדען פערוואלטונגס-מיטגליד איז צו מאהנען און אנקלאפען אומעטום און נישט זשענירען זיך פאמער וועט זיך ווער קוועהלען. אבער אויך די יחידים, וועלכע האבען יא די מאטעריעלע מעגליכקייטען און פערשטעהן די וויכטיגקייט ווי ס'איז דאס אהעקשיקען קראנקע אויף קוראציע, די טאקי ברויכען נישט ווארטען ביז מ'וועט צו זיי קומען, נור לויט זייערע מעגליכקייטען אריינטראגען צום פרעזעס פון „עזרה“ אדלער איתמר (לובלינער 31) אדער אין סעקרעטאריאט פון „עזרה“ דלוגע 11 אין די שעה'ן פון 10 ביז 2 מיטאג און פון 6 ביז 8 פארנאכט.

ס'איז שוין צייט, אז דאס עטישע בעוואוסטזיין זאל אויינדרונגען אין מענשליכען פערשטאנד, כדי צו בעגרייפען, אז נישט שטענדיג דארף מען ווארטען ביז מ'וועט צו זיי קומען און וועקען. נאר מען ברויך אמאהל אליין זיך מקדים זיין און ברענגען פרייוויליגע נדבות.

## פערלענגערונג'ס - טערמינען פון וועקסלען אין באנק - פאלסקי.

דער מנהג, וואס גילט אין פערשידענע בענק, וואו מ'קאן אויפהאלטען אויף א טאג, צוויי א וועקסעל און ערשט דערנאך עס אויסקויפען — איז ווי בעוויסט נישט חל אין באנק-פאלסקי. דארט מוז מען אויסקויפען דאס וועקסעל אין זעלבען טאג צום בעשטימטען טערמין ביז האלב צוויי נ. מ.

אין צוזאמענהאנג דערמיט האבען די פרעזעסען פון די ראדאמער פוילישען און יודישען סוחרים-פעראיינען, די ה״ה יאקוב אדלער און וויעזשביצקי אינטערווענירט ביים דירעקטאר פון זיגער היגער באנק-פאלסקי, ביי וועמען זיי האבען אויסגעפועל'ט פאלגענדע ה חה:

די סוחרים, וועלכע קאנען נישט בעוויזען צו צאהלען די וועקסלען ביז האלב-צוויי, ווערט פאר זיי פערלענגערט דער טערמין און זיי קאנען אין זעלבען טאג צאהלען אין דער שעה פון האלב דריי ביז האלב פיער אין דער קאנצעלאריע פון רעיענט ה' ראגוסקי (דריטער מאי. האטעל אייראפעאיסקי) דערפאר וועלען זיי נאר געבען א קליינעם אבצאהל, נעמליך: פון א וועקסעל ביז 100 זל. — ווער ויין דער אבצאהל 50 גר. און פון 100 ביז 1000 זל. — 1 זל. און פון 1000 זל. און ווייטער — 2 זל.

שבת ווערט די שנה פערטווישט אויף האלב צוויי ביז האלב דריי נ. מ.

ווער ס'וועט אויפהאלטען לענגער וועט שוין צאהלען די נארמאלע אבצאהלונגען ווי שטענדיג.

## קאסע איינבראך אויף א יודישער באנק.

אין דער יודישער טפולדזיעלניא-באנק אויף לובלינער 25 האבען היינטיגע וואך זיך אריינבעקומען צוויי קאסע-ברעכער. זיי האבען אויפגעבראכען די האנ-דקאסעקע, וואו זיי האבען געפונען 5 זל. זיי האבען שוין געוואלט זיך א נעם טון צו בעארבייטן די אמת'ע קאסע, וואו ס'איז געלעגען א שפאר

ביטל געלד במזומנים און וועקסלען, אבער זיי האבען זיך ראפטום דערשראקען און געמאכט פיס.

די פאליציי האט ענטדעקט עטליכע פערדעכטיגע, וואס פערגעמען זיך מיט דעם „פאך“ און זיי ארעסטירט.

## צו דער אויפמערקזאמקייט פון עופות-סוחרים.

די האנדעלס-קאמער אין סאסנאוויצע האט זיך געווענדעט צום ראדאמער סוחרים - פעראיין אויפצוגעבען גענויע אדרעסען פון אזעלכע פירמעס, וואס בעשעפטיגען זיך מיט עקספארטירען לעבעדיגען און טוידטען געפליגעל. עס געהט וועגען וויכטיגע עקספארט-אנגעלעגענהייטען. דעריבער דארפען די יעניגע זיין מיטגלידער פון סוחרים-פעראיין, כדי דער לעצטער זאל פאר דער סאלידקייט און פינקטליכקייט פון די זעלבע סוחרים, קאנען נעמען אויף זיך די פולע פעראנטווארטליכקייט.

ווער ס'פערנעמט זיך, אלזא, מיט אט דעם מסחר און וועמען ס'איז נוגע די אויבענגעבראכטע ידיעה, קאן זיך וועגען אויספיהרליכע אינפארמאציעס ווענדען אין סוחרים - פעראיין לובלינער 18.



# פאהן = רינג

אונטער'ן פראטעקטאראט פון דער ארגאניזיר-קאמיסיע ביים האנדווערקער - קלוב אין ראדאם.

יעקב דוד סטראוזינסקי ענטפערט דעם ח' ראזענבערג מיט 5 זל. און רופט ארויס: יוסל יעגער—סט.-קר. 18
אברהם מאקרי — לובלינער 24
ישראל משה כוואט — וואהל 59
נתן יעקב העלצמאן — סקאריש, 24
נח פאטאזניק — ווארשאווסקי 21
פנחס בירענבוים — גראדפקע 6

שמחת ניימאן ענטפערט דעם ח' גאלדבערג מיט 5 זל. און רופט ארויס די פרוי טערצע גאלדבערג — וואלאווא 3.

אבא נאבראנסקי ענטפערט דעם ח' קאץ מיט 5 זל. און רופט ארויס דעם ח' צימעט — פיאסקי 28.

מענדל שטיינבאק ענטפערט דעם ח' פעלדמאן מיט 5 זל.

אברהם ווייסמאן ענטפערט דעם ח' ווינאגראדסקי מיט 5 זל.

אלעק. לאקס ענטפערט דעם ח' בלאטמאן מיט 5 זל.

אלטער ווינאגראדסקי ענטפערט דעם ח' פעלדמאן מיט 5 זל.

# דאנקזאגונג.

מיר דאנקען דעם ריחמפולען פענסיאנאט אין סוכעדניעוו פון ה' רייכקינד. מיר דריקען אויס אונזער צופרידענהייט פאר די געשמאקפולע עסענס, גוטע בעהאנדלונג און פאר דער זארגפעלטיגער איינארדנונג אין די זוניגע צימערען און סאסנאווער וואלד.

ש. לאדאווסקי ווארשא, ש. גאלדבלום קעלץ,
ה. מאנדעלמאן סטאפניץ, מ. גוטמאן קעלץ,
פ. אבראמאוויטש סקארזשיסקא. ח. וויינריב אסטראוויעץ,
ג. כוסטעצקי אסטראוויעץ, ש. בערמאן.

דערמיט מעלדען מיר, אז קומענדיגען דינסטאג ז' לחודש מנחם אב (דעם 13-ען ה. ח.) פאלט אויס די ערשטע יאהרצייט פון אונזער ליבען

מאן, פאטער, שווער און זיידע

# ר' אברהם יעקב שיינבוים ז"ל
(סופר)

דעמזעלבען טאג 10 פריה ווערט ארויסגעשטעלט א מצבה און עס קומט פאר א הזכרה אויפ'ן היגען בית-החיים. אויף וועלכע מ'ווערען געבעטען צו קומען קרובים, פריינד און בעקאנטע.

פערבליבענע פרוי, זיהן, שנירען און איינינקלעך.

# קעלצער אבטיילונג

## דער ניי-געוועלטער שטאט-פרעזידענט—דעמיסיאנירט.

ווי מיר דערוואוסען זיך, האט דער ניי-געוועהלטער שטאדט-פרעזידענט ראמאן טשיכאווסקי, צוריק קומענדיג פון זימער-וואוינונג צוגעשיקט א דעמיסיע-בריף צום פרעזעס פון שטאדט-ראט. די סבה פון דעמיסיע זאל זיין צוליב דעם וואס ער איז אויסגעוועהלט געווארען מיט א קליינע צאהל שטימען האט ער מורא געהאט, אז דער גאנצער שטאדט-ראט האט נישט צו איהם קיין גרויס צוטרוי. ווי אויך צוליב דעם ווייל דער ראטמענער-קלוב פון ב. ב. האט פראטעסטירט געגען דער וואהל פון ה' טשיכאווסקי אלס שטאדט-פרעזידענט.

ווי מיר הערען בעוואויר וועט דעם 8-טען ד. ח. פארקומען נייע וואהלען.

אין צוזאמענהאנג מיט'ן ארויסטאהר פון פרעזעס פון שטאדט-ראט, ה' מאסלאווסקי וועט ערפילען די פליכטען פון שטאדט-ראט-פרעזעס ה' ד"ר מ. גזשיבאווסקי.

## דער וויצע-וואיעוואדא פערלאזט קעלץ.

ווי מיר דערוויסען זיך, פערלאזט דער וויצע-וואיעוואדא, ד"ר אדאם קראעבל, קעלץ. די יזיעה האט געמאכט א רושם אין די היגע געזעלשאפטליכע קרייזען, וואו דער וויצע-וואיעוואדא האט גענאסען פון א גרויסע סימפאטיע.

## א שרעקליכער פארפאל

פאריגען דינסטאג איז אויף דער נייער ווארשאווער גאס געשעהן א שרעקליכער פארפאל. בעת דער 15-יעהריגער פיאטר דרעזנא (באדזענטינסקא 8) האט ארויפגעבערענגט ציגעל אויף דער רושטאוואניע צום צווייטען שטאקיגען הויז, וואס ווערט דארט געבויט, האט ער פערלוירען דאס גלייכגעוויכט און אראבגעפאלען. אין א שווערען צושטאנד האט מען איהם איבערגעפיהרט אין שפיטאל שח. אלעקסאנדרא.

## דער „רויטער מאג" אין קעלץ

פאריגע וואך האט די פאליציי אדורכגעפיהרט א סך ארעסטען איבער קעלצער יוגענד, אויף וועלכע מען האט נאר געהאט א חשד אין אנגעהעריגקייט צו דער קאמוניסטישער פארטיי.

דער „רויטער דאנערשטאג" איז אדורך רוהיג.

## שיער אנגענומען 300 זל. אויף א גע'גנב'עטן טשעק

פאריגען דאנערשטאג האט זיך געבאלדען א אומבעקאנטער פארשוין אויף דער היגער פאסט מיט א טשעק אויף א סומע פון 300 זל. אויס'ן נאמען פון מארחיצער וואוט ה' פ. סענקאווסקי. די בעאמטין האט עפעס בעמערקט ווי דער אומבעקאנטער שרעקט זיך, האט זי איהם געבעטען דאס ער זאל וויזען א פאס. דער אומבעקאנטער האט זיך כלומרש'ט געמאכט זוכען און ער איז נעלם געווארען פון דער פאסט.

צומארגענס האט דער מארחיצער וואוט געמאלדען דער פאליציי, אז מען האט פון איהם צוגע'גנב'עט עטליכע טשעקען. עס איז אויך כדאי צו דערמאנען, אז מיט עטליכע חדשים צוריק האט מען אנגענומען אויף א צוגע'גנב'עטען טשעק פון זעלבען וואוט אויף א סומע פון 105 זל.

## גניבות

אויף דער קליינער גאס וואוינט א געוויסער קראיעווסקי. שוין א לאנגע צייט יזי קראיעווסקי בעמערקט יעדען טאג, אז עס פעהלט איהם געלד פון זיין טיש-לאד. דאס האט ארויסגערופען א גרויסע אויפרעגונג צוגלייך פעראינטערעסירונג ביי ה' קראיעווסקי'ן, ווייל ס'איז נישט געווען צו בעמערקען קיין צייכען פון א גנב.

פאריגע וואך, ווען קראיעווסקי האט אין אוונט פערלאזט זיין וואוינונג — האט ער, אויף טשיכאווע איבערגעלאזט אין דער וואוינונג זיינע צוויי אנגעשטעלטע.

ארום 10 אזייגער אויפדערנאכט האבען די צוויי אנגעשטעלטע דערהערט, ווי אימיצער שליסט אויף די טהיר.

# נאכ'ן אגענץ-אבמאך...

### (קליינער פעליעטאן).

אזוי ווי מיר האבען געהערט, אז אסימילאטארען ווילען אויך מיטארבייטען ביים ארץ-ישראל-אויפבוי האבען מיר בעשלאסען צו בעזוכען זיי, די אסימילאטארען לטובת'ן קרן-קימת. אריינקומענדיג צו איינעם פון די קעלצער אסימילאטארען האבען מיר געטראפען די פרוי.

— גוט מארגען — רופען מיר אויס — זי וועלען אזוי גוט זיין עפעס מנדב זיין פאר'ן קרן קימת.

— צאז — פרעגט זי זיך איבער, און גיעט אונז צו פערשטעהן, אז ערשטענס פערשטעהט זי נישט דעם אידישען זשארגאן און, צווייטענס, מען זי וואלט יא פערשטאנען — וואלט זי אויך נישט גערעדט אויף דער שפראך, ווייל זי ליעבט נישט קיין ספעציפיש-אידישע זאכען...

באין ברירה האבען מיר איהר ערקלערט אויף פויליש דעם צוועק פון אונזער בעזוך.

— וואס איז דאס אזוינס „קרן קימת" — פרעגט זי

— וואס איז — גיבען מיר איהר צו פערשטעהן — אזא פאנד אויסצוקויפען ארץ ישראל פון גוי'אישע הענט.

— וואס איז דען — פרעגט זי — אז גוים האבען עס. וועמען שאדט עס דען?... ענטפערען מיר איהר ווייטער:

— אזוי ווי עס עגזיסטירט א אידיש פאלק — מוז אויך עגזיסטירען א אידיש לאנד און דאס קאן געשעהן נאר דעמאלט, ווען מיר, אידען, וועלען עס אויסקויפען.

— אבער צו וואס דארפען מיר עס— קאן זי ווייטער נישט פערשטעהן - צו וואס דארפען מיר אוועקפאהרען פון איירופא און זיך בעזעצען אין אזיען.

מיר האבען אפילו געזעהען, אז ס'איז בחנם דאס אויס'טענה'נען זיך מיט איהר. נאר פונדעסטוועגען האבען מיר איהר געענטפערט:

— אזוי ווי עס עגזיסטירט א אידישע נאציע, און דאס ווייסען מיר דאך אלע. אז פאלעסטינע איז אמאהל געווען א אידיש לאנד, קומען מיר יעצט עס אויפריכטען. ענטפערט זי אונז: צי איז הייגט דאס ערשטע מאהל. וואס איהר זאמעלט אזעלכע געלדער, איהר האט דאך בעדארפען וויסען, אז מיר גיבען נישט קיין געלד אויף אזעלכע זאכען. אז מיר זענען נישט קיין ציוניסטען!

עס איז טאקע אמת — ענטפערען מיר איהר — אז זי זענען נישט קיין ציוניסטען, נאר אזוי ווי עס האט זיך דא נישט לאנג געשאפען די אידישע אגענץ...

— וואס איז דאס אזוינס אידישע אגענץ — לאזט זי אונז נישט ענדיגען.

עס האט שוין אונז גענומען פרוקענען אין מויל. נאר גערה אוועק פון יענעם איבערלאזענדיג יענעם ביי א קשיא...

— זי ווייסען נישט — הויבען מיר ווידער אן — אז עס איז געשלאסען געווארען אן אבמאך צווישען ציוניסטען און נישט-ציוניסטען אויף אזעלכע גוטע בעדינגונגען ווי „פיפטי-פיפטי"?

— וואסז — הארכט זי און ווייס אפילו נישט ווי אזוי איבערצופרעגען — ווער זענען דאס די נישט-ציוניסטען, וועלכע גיבען געלד אויף אזעלכע באנאטעלעס?..

ווער ווייסט ווי לאנג מיר האלטען נאך אזוי גערעדט מיט דער אסימילאטארין, ווען נישט, צום גליק, וואס דער מאן איהרער איז פונקט אונטערגעקומען. געוואויר ווערענדיג פון דער פרוי דעם צוועק פון אונזער בעזוך — רופט ער זיך אן:

— ווי זענט איהר געווען דעמאלט, ווען מען האט געוועהלט די אגענץ. ווען מען וואלט מיך געוועהען אויסגעוועהלט אין דער אגענץ וואלט איך אויך געגעבען פאר'ן קרן קימת... וואס קומט מיר ארויס, אז מען האט געוועהלט אין דער אגענץ מארשאל, ווארבורג און אנדערע.

אויף דעם האבען מיר שוין קיין תירוץ נישט געהאט, ווייל ער איז דאך באמת כשר גערעכט... מיר האבען זיך ענטשולדיגט און אוועקגעגאנגען.

אויפ'ן וועג האבען מיר זיך איינער צום צווייטען אבגערופען: נישט מיט זייער געלד וועט מען בויען ארץ ישראל. נאר דוקא מיט אונזער דלות...

ה. ל.

# ווילנער טרופּע אין ראַדאָם

אויף דער צווייטער וואָך ד. ה. שבת נחמיה וועלען מיר האָבען אין ראַדאָם אַ פּנים חדשות. צו אונז קומט די בע־ריהמטע קינסטלערישע ווילנער טרופּע, וועלכע וועט אויפפיהרען אַ ערשטקלאַ־סיגען רעפּערטואר. עס איז גענוג אָנ־צוהייזען, וואָס אין רעפּערטואַר געהט אריין „קידוש השם“ פון שלום אש, די פּעריל פון דער יודישער ליטעראַטור און פון דער יודישער קינסטלערישער ביהנע. די ארטיסטישע כחות בעשטעהן פון דאָס בעסטע אין אינהאַלטסרייכסטע. דער לייטער פון דער טרופּע איז דער לאַנג־יעהריגער דירעקטאָר פון דער ווילנער טרופּע — ה׳ מזאה.


Przefarbowane stare obuwie
**barwnikiem**
# SKINOL-FARBA
w 54 kolorach
niczem **nie różni się** od nowego obuwia gdyż po przefarbowaniu **Skinol-Farbą** jest trwała, farba nie ściera się, nie pęka i nie schodzi wskutek deszczu.
**ŻĄDAĆ WYRAŹNIE** SKINOL-FARBA **WSZĘDZIE.**
**Przetw. Chem.** „SKINOL" Warszawa Zielna 52.



MOŃKOWI GOLDBERGOWI
z powodu przedwczesnego zgonu
# MATKI Jego
wyrazy głębokiego współczucia
**składają koledzy i koleżanki**
*klasy* **VI**-*ej* **P. W.** *w Radomiu.*



וואַרשע—פּויזען, וואַרשע—ביאַליסטאָק,
וואַרשע—לאָמזשע, וואַרשע—קיעלץ,
לאָדז—קאַליש, ביאַליסטאָק—באַראַנאָוויטש,
דאַנציג—גדיניע, ווילנע—אײשישקי,
לעמבערג—גרודעק־יאַגיעלאָנסקי,
דאָס איז נור אַן אויסצוג פון אַ טייל קאָמוניקאַציע שלאַכען, אויף וועלכע עס קורסירען שטענדיג, רעגולער און פּינקטליך




BROCKWAY די אויטאָבוסן
האָבען זיך ערוואָרבען סימפּאַטיע און צופרידי פון די פּאַסאַזשירען.
**„MOTOR TRADERS"**, **WARSZAWA Ogród Saski**
przy Pl. Żelaznej Bramy 2, tel. 137-13.



דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס
דעם ה׳ יונה גאָלדבערג
צוליב דעם פריהצייטיגען טויט פון זיין געשעצטע פרוי
# שפּרינצעלע נ״ע
המקום ינחם אותו בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.
יוסיל נייטאַן און פרוי.



את רגשי השתתפותנו אנו מביעים להעסקן החשוב הנדיב הנכבד
ר׳ יונה גאָלדבערג נ״י
בצערו הגדול שקרהו במות עליו
# אשתו נ. ע.
המקום ינחמהו ולא יוסיף לדאבה עוד.
ועד ישיבת „תורת חיים“ ברדום.


פּרעזעס משה רובינשטיין ערהאַלטען 100 דאָלאַר פאַר ראַדאָמער יודישע אינסטיטוציעס.

אויפ׳ן אַדרעס פון פּרעזעס פון תאנדוו־קלוב און שניידער־פעראיין ה׳ משה רובינשטיין איז געקומען פון אַמעריקא 100 דאָלאַר פאַר אַ רייה יו־דישע אינסטיטוציעס אין ראַדאָם.

פון וועמען, פאַר וועמען און וויפיעל יעדע אינסטיטוציע דאַרף בעקומען — וועגען דעם אין נעכסטען נומער.







# Zawiadomienie.

**Polska Spółka Komunikacji Autobusowej w Polsce**
S. K. A. Sp. z o. o.
podaje do łaskawej wiadomości P.T. podróżujących iż w dniu 11 **lipca 1929 r.** uruchomiony został
## Luksusowy Autobus
światowej marki **„Federal-Pullman"**
z miejscami I i II klasy
**Wozy nasze obsługiwane są przez siły fachowe co zapewnia podróżującym punktualną, szybką bezpieczną i tanią komunikację.**
**Każdy pasażer jadący naszym autobusem „Federal-Pullman" jest ubezpieczony w Tow. Ubezp. „PATRJA" do wysokości 10.000 zł.**
**Odjazd z Warszawy — 19.30**
**Odjazd z Radomia — 7.30 rano**
**Postój** w Warszawie Długa 23 i Rogatki Jerozolims.
**Postój w Radomiu** Hotel Rzymski
Autobus zatrzymuje się vis a vis Polonji w Alejach Jerozolimskich.
Wszelkie informacje oraz wcześniejsze zamówienia biletów uskutecznić można telefonicznie № 437—31 lub na miejscach postoju.
**Zarząd Spółki** mieści sie **w WARSZAWIE** przy ul. **Nowogrodzkiej Nr. 58 m. 19.**



# פליגטו־פענגער!

אַכטונג סוחרים! ווילט איהר האָבען אַ געזיכערטען פאַרדינסט קויפט נור די איינציגע פערשפרייטעסטע
## פליגטו־פענגער
**„TĘPICIEL"** מיט דער מאַרקע
**Fabryka Franciszkańska 21**
**Warszawa, Grosfater.**



# ענטשולדיגונג

דער סבסוך, וואָס איז פאָרגעקומען צווישען בעניעק ראָזענצווייג מיט חנה קירשענבלאַט וועגען אַ בעליידיגונג איז פערגלייכט געוואָרען און דער־מיט ענטשולדיג איך זיך.

בעניעק ראָזענצווייג.








*Kino „CORSO" Teatr*
Dziś i dni następnych Długo oczekiwana premjera!
# AWANTURNICA BIANITZ
oraz potężny dramat w 10 dużych aktach
## DLACZEGO KOBIETA ZDRADZA
w rolach głównych: EMIL JANINGS, CONRAD VEIDT i in.



*Kino „NOWE CZARY" Teatr*
Tylko 4 dni! DZIŚ PREMJERA Tylko 4 dni!
Konrad VEIDT, Werner KRAUSS, Agnes ESTERHAZY i Eliza La PORTA
1) # STUDENT PRAGI
Przecudna komedja amerykańskiej wyt. „Paramount" p. t.
2) **„Między nami nic nie było"**



Redaktor CH. M. HERC
Drukarnia Wyd. „Radomer-Kielcer Leben", Radom, Szwarlikowska 20.